d066965

17/1 - 2477

# די פאטראנאטן אין ווילנער געגנט

## אין אלט-סווענציאן, קורעניעץ, דיסנע און איווע

### דער אלגעמיינער צושטאנד פון מלאכה און האנטווערקער-שילערי אין די שטעטלעך—

דער צושטאנד פון מלאכה אין אלע שטעטלעך פון אונדזער געגנט אזוי אויך אין די אויבנאנגעוויזענע געפינט זיך אין באזונדער נידעריקן מצב: איינציקע פאכן + ווי שלאסערי, בלעכערי, בוכבינדערי פעלן אינגאנצן; אין א גאנצע ריי שטעטלעך פעלן סטאליארעס, הויפטזעכלעך זיינען פארשפרייט די פאכן: שוסטערי, שניידערי (דאמען און מענער) שמידער און קירזשנערי, נאר אפילו די פארשפרייטע מלאכות זיינען זייער פון א נידעריקן קוואליטעט און ווערן בפֿלעכוויז ארויסגעשטויסן פון נישט יידישע האנטווערקער.

די האנטווערקער-שילערי איז זייער ווייניק פארשפרייט. פון איין זייט האט דער האנדל ווי א לייכטע פרנסה אריינגעצויגן אין זיך אויך די יוגנט, וועלכע איז פאר דער מלחמה געווען דער הויפט עלעמענט פאר האנטווערקער שילערי פון דער צווייטער—די איצטיקע האנטווערקער פאדערן פארן לערנען מלאכה גרויסע באלוינונג—פון 200.000 מארק ביז אפילו 30 אדער 50 דאלאר. דאס האט געבראכט דערצו, אז די ניט פארמעגלעכע יידישע עלטערן האבן נישט געקענט לערנען מלאכה זייערע קינדער—דאגעגן די קריסטן, וועלכע באצאלן דעם שכר-לימוד מיט קארן און קארטאפל האבן באקומען די הויפט צאל אין די ווארשטאטן פון די יידישע האנטווערקער. אזוי צום ביישפיל אין קורעניעץ אויף 34 האנטווערקער שילער זיינען 21 קריסטלעכע. אין גרויס-ווילעיקע פון 21 שילער 14 קריסטלעכע א.א.וו. באזונדערס רופט עס זיך שווער אפ אויף די יתומים און קינדער פון רעעמיגראנטן, וועלכע ווערן בפֿלעכוויז דעמאראליזירט און פארדארבן.—

די באדינגונגען ביי וועלכע עס ארבעטן די קינדער זיינען זייער שווערע: ס׳איז נישטא קיין איינגעשטעלטער באשטימטער ארבעטס-טאג, די קינדער ווערן אויסגענוצט אויף שטיפיקע ארבעט, וואס האט מיט דעם לימוד פון מלאכה קיין שום שייכות ניט, קיינע קאנטראקטן, וואס זאלן רעגולירן די באציהונגען טעמין און די באלוינונג עקזיסטירן ניט, די קינדער באזוכן נישט קיינע שולן אפילו דא וואו עס עקזיסטירט אן׳אוונט שול. און אזוי ארום זיינען פאלשטענדיקע אל׳אלפאבעטן.

### די ארבעט פון „ארט” אויפן געביט פון האנטווערקער-שילערי.

אין יאנואר מאנאט האט די געזעלשאפט „ארט” אין ווילנע צוגעטראטן פארברייטערן איר ארבעט פאר האנטווערקער שילערי אין פראווינץ און האט ארגאניזירט א ריי פאטראנאטן אין גרעסערע פונקטן, הויפטזעכלעך דארט, וואו דער מצב פון מלאכה פון די ארטיגע האנטווערקער האט געגעבן אין דעם זין באשטימטע מעגלעכקייטן ( אין איניגע שטעטלעך איז גארניט געווען וועמען אפגעבן די קינדער אויף אזוי פיל נידעריק איז געווען דער מצב פון מלאכה פון די ארטיקע איינוואוינער האנטווערקער).